# פרשת תבוא

## בס"ד. משיחת יום ב' פ' האזינו, ז"ך אלול ה'תש"מ

**– לנשי ובנות ישראל תחיינה –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דערציילט אין מדרש, אַז בשעת מ'האָט געזעען, אַז משה רבינו האָט געזעען, אַז דער בית-המקדש וועט חרב-ווערן, וועט מען ניט קענען מקריב זיין די קרבנות, וואָס זיי ברענגען אַראָפּ אַ סליחה פאַר אידן – האָט מען געפרעגט ביים אויבערשטן: ווי וועט דעמאָלט זיין און וואָס זאָל מען דעמאָלט טאָן?

האָט דער אויבערשטער געענטפערט: אַז אידן זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן "באגודה אחת", אַ סך אידן צוזאַמען, און זאָלן זאָגן "סדר סליחה", זאָלן זאָגן צום אויבערשטן מתפלל-זיין לויט דעם סדר פון סליחות, און אָט דעמאָלט וועט דער אויבערשטער מכפר זיין.

און דאָרט איז דער מדרש גיט-צו נאָך אַ וואונדערליכע זאַך:

אַז מ'געפינט דאָך, אַלע מצוות און אַלע ענינים וואָס דער אויבערשטער האָט איבערגעגעבן דורך מנהיגי ישראל צו אידן ווי אַזוי מ'זאָל זיך פירן – ווערט דערציילט באַ רובם ככולם, כמעט ביי אַלע פון זיי, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט, אַז מ'זאָל זיך פירן אין אַ באַשטימטן אופן, ווי אין דעם ביישפּיל גופא: מקריב-זיין אַ קרבן אין משכן און דערנאָך אין בית-המקדש – וועט דאָס ברענגען די סליחה;

בשעת דער מדרש דערציילט ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט געזאָגט מ'זאָל זאָגן "סדר סליחות", וועט דעמאָלט דער אויבערשטער פאַרגעבן אויף אַלע זאַכן וואָס זיינען געווען ניט-ווי-געוואונטשן, וועט דאָך דאָס במילא ברענגען דעם אויבערשטנ'ס ברכות –

האָט זיך דער אויבערשטער ניט באַפרידיקט דערמיט וואָס ער האָט וועגן דערויף אָנגעזאָגט, נאָר ווי דער מדרש דערציילט, אַז ער האָט זיך כביכול אָנגעטאָן זיך אין אַ טלית און תפילין, און האָט געזאָגט "סדר סליחות", די י"ג מדות הרחמים, און באַוויזן אַ ביישפּיל פון זיך אַליין, ווי אַזוי מ'דאַרף זאָגן סליחות, כדי אידן זאָלן זיין זיכער אין דעם אויבערשטנ'ס ברכות אפילו אין דער צייט פון גלות.

און אָט דאָס איז אויך איינע פון די ערקלערונגען, וואָס בשעת דער אויבערשטער האָט געדאַרפט באַווייזן אידן, אַז כאָטש אפילו מ'געפינט זיך אין גלות און מ'געפינט זיך אין די טעג פאַר ראש-השנה, וואָס דאָס דערמאָנט דאָך אַ אידן, אַז ער דאַרף תשובה-טאָן, אומקערן זיך, ווי דער אָפּטייטש פון תשובה איז – אומקערן זיך צו זיך אַליין, צו זיין אמת'ן עצם, צו זיין אמת'ן זיין, וואָס דאָס איז אידישקייט און תורה –

קען ער דאָך חס ושלום טראַכטן, אַז ס'איז עפּעס אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיין פאַרבונד מיטן



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תבוא

אויבערשטן, און ס׳וועט עפּעס אָנרירן אין דעם אויבערשטנ׳ס ברכות – זאָגט מען, אַז מ׳דאַרף דאָס טאָן, [און] וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט דאָס אַזוי געזאָגט, וועט מען זיכער מצליח זיין אין טאָן תשובה.

און אָט דעמאָלט, דורך דעם טאָן תשובה, איז ניט ס׳ווערט אַ נייע איבערקערעניש ביי זיך, נאָר ס׳איז פּונקט דער היפך דערפון: דאָס אַנטפּלעקט באַ יעדער אידן און ביי אַלע אידן, אין וואָס ס׳באַשטייט זיין אמת׳ער לעבן, און אין וואָס ס׳באַשטייט זיין אמת׳ער קאָך, און (אין) וואָס באמת ס׳איז אים טייער,

און ס׳איז מערניט [וואָס] מצד איינפלוס וואָס קומט מבחוץ, פון זאַכן וואָס זיי זיינען פרעמד צו אַ אידן – קען זיך אויסווייזן אויף אַ קליינע ווייל, אַז אפשר איז ניט דאָס וויל ער און ניט דאָס מיינט ער און ניט אין דערויף קאָכט ער זיך.

און ווי געזאָגט, איז דערפאַר האָט דער אויבערשטער געזען אַז מ׳דאַרף האָבן אַ פאַרשטאַרקונג:

וויבאַלד אַז מ׳געפינט זיך אין גלות, און ס׳קומען-צוגיין ניט-אידן, אָדער ס׳קומט-צוגיין ניט-אידישקייט, און זאָגט: אָט זעט איר דאָך, אַז מ׳געפינט זיך אין גלות, און תורה זאָגט-אָן, אַז פון גלות וועט מען אַרויסגיין ניט מיט אייגענעם כח, נאָר דער אויבערשטער וועט שיקן משיח צדקנו, און דער אויבערשטער וועט אַליין מיטגיין מיט אים, און וועט אַרויסנעמען יעדער אידן פון גלות –

איז דאָך דאָס אַ שווערע זאַך, אַ שווערער גלות;

דאַרף דער אויבערשטער באַווייזן אַ ספּעציעלע פאַרשטאַרקונג, אַז אידן זיינען זיכער, אַז דער אויבערשטער איז זיי מוחל וסולח אויף די אַלע ניט-געוואונטשענע זאַכן וואָס זיינען געווען בעבר, אין די טעג וואָס זיינען שוין פאַרגאַנגען און אַוועקגעגאַנגען, און פון איצט אָן און ווייטער וועט זיין ליכטיקע טעג און הייליקע טעג, וואָרום ס׳וועלן זיין אידישע טעג,

און דערפאַר האָט זיך דער אויבערשטער ניט באַגנוגנט דערמיט וואָס ער האָט (געטאָן אַז מ׳) געזאָגט אַז מ׳וועט זאָגן סליחות וועט ער פאַרגעבן – נאָר ער האָט אַליין באַוויזן אַ לעבעדיקן ביישפּיל כביכול, און באַוויזן זיך אין אַ טלית און תפילין, און געזאָגט דעם סדר סליחות, כדי אַ איד זאָל זען ווי אַזוי דער אויבערשטער איז "עמו אנכי", אַז ער געפינט זיך מיט יעדער אידן און מיט אַלע אידן, אין וואָס פאַראַ צושטאַנד זיי זאָלן ניט זיין;

אפילו אין אַזאַ צושטאַנד ווען מ׳דאַרף טאָן תשובה – זאָגט אויך דער אויבערשטער "השוכן אתם", אַז ער רוט צוזאַמען מיט זיי און אין זיי.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תבוא

און בשעת אַ איד זאָגט "סדר סליחות" – אָט דעמאָלט זאָגט דער אויבערשטער ווידער-אַמאָל דער "סדר סליחות", און איז מקיים זיין הבטחה, אַז ער פאַרגיט און איז מוחל וסולח אויף די אַלע ניט-געוואונטשענע זאַכן – אויב אפילו זיי זיינען געווען,

על אחת כמה וכמה אַז "עמך כולם צדיקים": תורה האָט אָפּגעפּסק'נט, אַז יעדער איד און אַלע אידן האָבן אַ חזקה, אַז מצד זיך אַליין, ווען מ'איז זיי ניט מבלבל, זיינען זיי ניט נאָר כשרים, נאָר אויך צדיקים – פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער ווערט אָנגערופן "צדיקו של עולם".

גיט דער אויבערשטער, אין צוגאָב וואָס אַ צדיק באַקומט – אָט דאָס וואָס ס'באַקומט אַ בעל-תשובה, וואָס דאָס איז נאָך מערער ווי אַ צדיק באַקומט.

און גיט יעדערן פון זיי, און זיי אַלעמען צוזאַמען – די כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה, בטוב הנראה והנגלה,

אַז ס'זאָל זיין אַ גוטער יאָר, און אַ זיסער יאָר, סיי בגשמיות סיי ברוחניות; סיי אין זאַכן וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן גוף, סיי אין זאַכן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער נשמה,

און אין אַזאַ גוט – וואָס יעדערער וועט פאַרשטיין, אַז דאָס איז גוט, וואָרום (דאָס פאַרשטייט ניט נאָר) אין צוגאָב וואָס די נשמה אַנערקענט דאָס – פילט אויך דער גוף, אַז דאָס איז גוט אויך אין ענינים גשמיים.

———— • ————



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.